בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך פרשת מצורע
תשפ"ב

יו"ל פר' מצורע תשפ"ג



**נתנדב לזכר נשמת**
**רבינו הפני מנחם זי"ע**

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (מצורע יד, ג) 'והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע', און די **מפרשים** זענען מדקדק אז לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'והנה נרפא הצרוע מן נגע הצרעת' (עי' אבן עזרא). שרייבען דערויף די **ספרים** [אז די תורה האט עקסטרע געטוישט פון די געווענדליכע נוסח, כדי מדגיש צו זיין דאס וואס איז מרומז דערין] אז די מענטש אליינט איז אויסגעהיילט געווארען - שהאדם עצמו נרפא, ווייל די נגע איז נישט קיין באזונדערע און דרויסענדיגע זאך, נאר עס קומט מעיד צו זיין אז ס'איז דא א אינערליכע נגע אינעם זעהל פונעם מענטש, וואס ליגט אויפען מענטש צו פארעכטען, און נאר דערנאך וועט ער אויסגעהיילט ווערען.

**א** ענדליכע זאך טרעפען מיר אין לשון המשנה (פסחים פ"ח מ"ח) וועגען א גר וואס איז נתגייר געווארען ערב פסח, טראצדעם וואס מעיקר הדין קען ער מקריב זיין א קרבן פסח אזוי וויא ס'שטייט (בא, יב, מח) 'וכי יגור אתך גר ועשה פסח לה' המול לו כל זכר ואז יקרב לעשותו והיה כאזרח הארץ', פונדעסטוועגען זאגען בית הלל אז צוליב א גזירה דרבנן [שמא יטמא לשנה הבאה ויאמר אשתקד לא טהרתי מכל טומאה עד יום ערב פסח שטבלתי ואכלתי], האבען די חכמים אויסגעריסען פון איהם די מצוה פון קרבן פסח וואס האט דערין כרת, און זיי האבען געזאגט 'הפורש מן הערלה כפורש מן הקבר'. דער **תפארת ישראל** (יכין אות מב) שטעלט זיך שוין אז לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'כל שהערלה פרשה ממנו'. און ער זאגט אז ס'גייט ארויף אויפען מענטש - ווייל א גוי אפילו ער איז גע'מלט געווארען הייסט א ערל (נדרים לא:), און פון ווען אן וואס ער האט זיך מתגייר געווען און ער האט זיך גע'מלט, ווערט ער שוין נישט אנגערופען קיין ערל, און דערפאר שטייט אז ער איז זיך 'פורש מן הערלה'.

**דער בעל הטורים** שרייבט (תזריע יג, מד) אז די ווארט 'נִגְעוֹ' שטייט צוויי מאהל

אין תנ"ך - ב' במסורה, איינמאהל שטייט (שם) 'איש צרוע הוא וגו' בראשו נִגְעוֹ', און דער צווייטע מאהל שטייט דאס ביי די בקשת פון שלמה המלך ע"ה וואס ער האט געבעטען אז די תפלות פון די יודען אינעם בית המקדש זאלען ווערען אנגענומען לרצון, 'רעב כי יהיה בארץ דבר כי יהיה וגו' כל נגע וכל מחלה, כל תפלה כל תחנה אשר יהיה לכל האדם ולכל עמך ישראל אשר יֵדְעוּ איש נִגְעוֹ ומכאובו וּפָרַשׂ כפיו אל הבית הזה' (דהי"ב ו, כח-כט), און דער בעל הטורים געבט צו פארשטיין אז דאס קומט אונז לערנען אז איידער א מענטש דאווענט אויף די נגע וואס ער האט אין קאפ, דארף ער וויסען דער נגע וואס איז דא אין איהם, און ער דארף זיך מטהר זיין דערפון מיט דעם וואס ער וועט תשובה טוהן, און נאר דערנאך זאל ער מתפלל זיין.

**די** ווערטער פונעם בעל הטורים זענען מרומז דארט אין די ווערטער פון שלמה המלך ע"ה, ווייל די פסוק וואס שטייט 'אשר ידעו איש נגעו ומכאובו' איז אומר דרשני, ווייל מ'רעדט דאך אויף איינער וואס האט א נגע און א מחלה און ער קומט צו דער בית המקדש כדי צו דאווענען, אויב אזוי וואס מיינט דאס וואס שטייט אין פסוק **אשר 'ידעו' איש נגעו ומכאובו**, דאס איז דאך געוויס אפגערעדט אז ער ווייסט דערפון. נאר זאגט דער **מצודות** פשט **'אשר ידעו - אשר יכיר בנגע לבבו לדעת שבא המכאוב בעבור נגע העון'**, אז ס'איז נישט גענוג צו קומען און דאווענען אויפען 'נגע' און אויפען 'מחלה', ווייל געוויס טאקע מעג מען נישט מזלזל זיין אין קיין שום תפלה, אבער דאס איז נישט דער עיקר, נאר דער עיקר וואס פאדערט זיך פונעם מענטש, אז ער זאל וויסען אז די נגע און די מחלה געהערען צו איהם, זיי זענען 'נגעו', ער זאל וויסען און אנערקענען אין זיין פעלער, אז צוליב זיין זינד קומט די קרענק און די ווייטאג, און דעמאלט זאל ער מתפלל זיין, און אזוי וויא די רייד פונעם בעל הטורים.

**אבער** רש"י טייטשט **'אשר ידעו איש נגעו - כלומר אם יתפלל על נגעו ועל מכאובו להסירו ממנו'**, ד. ה. אז ער פארטייטשט דאסווארט 'ידעו' אז ס'איז מלשון תפלה, און לכאורה דארף מען

אריינקלערען דערין ווייל וויא טרעפט מען אז 'ידיעה' איז מלשון תפלה. נאר אין אמת'ן אריין, 'ידעו' פארטייטשט זיך טאקע מלשון תפלה, ווייל 'ידיעה' איז מלשון חיבור, און אזוי אויך איז תפלה מלשון התחברות [אזוי וויא רש"י שרייבט אויפ'ן פסוק (ויצא ל, ח) 'נפתולי אלקים נפתלתי'], ווייל איינער וואס דאווענט אזוי וויא ס'דארף צו זיין, דארף דאס צוברענגען דער מענטש צו א באהעפטענקייט - התחברות צו אביו שבשמים.

**און** אזוי אויך דארף דער עצם הנגע צוברענגען דער מענטש צו א ויסענשאפט און א באהעפטונג צום רבונו של עולם, און אזוי וויא דער **שפת אמת** (לקוטים פר' מצורע) טייטשט דער לשון הפסוק 'והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע', וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין פארקערט אזוי וויא אויבען דערמאנט, נאר דער פשט דערפון איז אז דער גוף הנגע ווערט אויסגעהיילט דורכדעם וואס דער ווערט געפייניגט טוהט תשובה, ווייל דער צוועק פונעם נגע קומט מעורר זיין דער מענטש אז ער זאל תשובה טוהן [און בפרט לויט וואס דער רמב"ן שרייבט (תזריע יג, מז) אז די נגעים זענען בדרך נס, און זיי זענען נישט באשאפען געווארען נאר כדי מעורר זיין תשובה צו טוהן], און דורכדעם וואס דער מענטש פארעכט זיינע זינד ווערט די גוף הצרעת אויסגעהיילט, ווייל ער קומט צו זיין תיקון, און דורכדעם ווערט נתברר אז אלעס איז געווען צום גוט'נס און ס'איז געווארען פון א 'מכה' א 'רפואה'. ווייל די תכלית פון די יסורים איז ווען זיי טוהן זייער שליחות - מעורר דער מענטש ער זאל תשובה טוהן דורך זיין נגע און זיין ווייטאג, און דאס איז דער טיפע זינען אין וואס חז"ל זאגען (ע"ז נה.) אויף יסורין אז זיי זענען '**נאמנים בשליחותן**', ד.ה. נישט נאר מיט דעם אז עס ברענגט דער גוף הנגע און דער מכאוב, נאר עס מיינט מיט דעם אז דער צוועק פון די יסורים טוהט אויף אז עס ברענגט דער מענטש וואס פייניגט זיך אז ער טוישט זיך צום גוטענ'ס, און דעמאלט האט דאס א תכלית (עי' שפתי צדיק פר' עקב אות כא). און דאס איז וואס שטייט אין פסוק '**אשר ידעו**', אז דורכדעם וואס ער ווערט זיך באהעפטען צום

רבונו של עולם מיט א אמת'ע תפלה, איז דא א צוועק און א מטרה אין זיין נגע, און דער וויסענשאפט אויף זיינע נגעים וועט נישט זיין בלויז א אינדרוויסענדיגע וויסענשאפט, נאר א וויסענשאפט וואס ברענגט צו א חיבור מיטען אייבערשטען.

**ס'איז** דא אמאהל נגעי בני אדם וואס ס'איז שווער תשובה צו טוהן אויף זיי, אשר ידעו איש נגעו - בראשו נגעו, נגעים פון מחשבות שבראש - וואס ס'איז שווער זיי צו רייניגען, און שווערע חטאים וואס זייערע פגם זענען אין חכמה, אבער פונדעסטוועגען מעג א מענטש זיך נישט מייאש זיין מן הרחמים, ווייל אין יעדער צושטאנד קען מען דאווענען און בעטען אז דער אייבערשטער זאל עפענען זיין הארץ אויף תשובה צו טוהן און אויף טהרה, צו שפאלטען און אויף צו עפענען די שערים. זאל דער אייבערשטער העלפען אז מיר זאלען באמת זוכה זיין זיך צו רייניקען.

**שטייט** אין פסוק (מצורע יד, ד) שתי צפרים חיות טהורות', ברענגט רש"י א חז"ל (ערכין טז:) לפי שהנגעים באים על לשון הרע שהוא מעשה פטפוטי דברים, לפיכך הוזקקו לטהרתו צפרים שמפטפטים תמיד בצפצוף קול. ברענגט דער **שפת אמת** (מצורע תרס"א) דאס וואס שטייט אין זוה"ק (תזריע מו:) אז די נגעים קומען **'על מלה בישא ועל מלין טבא דאתי לידיה ולא מלל'** - אויף לשון הרע און אויף גוטע דיבורים וואס ער האט נישט געזאגט, ד. ה. אז אזוי וויא עס איז דא א פעלער מיט א שלעכטע דיבור וואס ער האט נישט געדארפען זאגען, אזוי אויך איז דא א פעלער מיט א גוטע דיבור וואס ער האט יא געדארפען צו זאגען און ער האט דאס נישט געזאגט, און דער שפת אמת ערקלערט דאס באורך אז דאס איז דער ענין פון די צוויי צפרים, עי"ש בדבה"ק.

**געוויס** טאקע בפשטות מיינט דער זוה"ק אז ס'גייט ארויף אויף דיבורים פון תורה און תפלה, און אזוי אויך אנדערע דברים שבקדושה, אבער ס'איז לא יצא מן הכלל אז ס'גייט אויך ארויף אויף צו זאגען א גוט ווארט פאר

יענעם, און דאס איז דאך באוואוסט אז די פוילישע יודען האבען אין נאטור א צוריק געהאלטענקייט, און אזוי וויא זיי זענען קארג אין געלט זאכען, אזוי אויך האלטען זיי זיך צוריק פון צו זאגען גוטע רייד צו א צווייטען, אבער דאס אלץ וואלט גוט געווען אויב אונז וואלטען זיך צוריק געהאלטען בכלל פון רעדען אסאך - אויך נישט זאגען שלעכטס אויף א צווייטען אדער קריטעקירען יענעם, וואס דעמאלט וואלט געווען יצא הפסידו בשכרו, אז כאטש רעדט מען נישט שלעכץ אויף יענעם, אבער אויב אינדעם איז מען נישט אויסגעהאלטען, ווייל יעדער איינער דארף האבען א פארבעסערונג אינדעם פעלער, דארף מען נתעורר ווערען צו רעדען און זאגען אויפ'ן צווייטען גוט'ס, און אויב דאס איז צו א גרויסע זאך צו פאדערען צו רעדען גוט'ס אויפ'ן צוויטען און יענעם משבח זיין, און נאר דערנאך וואס ער וועט זיין א בעל תשובה פון די חטאי הלשון וועט ער זיך קענען פארעכטען פונדעם, איז פאדערט זיך כאטש פון יעדער איינער זיך צו פארעכטען און נישט רעדען שלעכטץ אויפ'ן צווייטען.

**שטייט** אין חז"ל (ערכין טז.) אז די נגעים קומען צוליב צרות העין, 'מי **שאינו משאיל כליו לחבירו ואומר שאין לו, הקב"ה מפרסמו כשמפנה את ביתו'** (עי' יומא יא:), אין די ווערטער פון חז"ל '**משאיל כליו לחבירו**' ווערט אריינגערכנט אויך פארנעמען דער צווייטער, און געוויס טאקע דער וואס קען יענעם נישט פארנעמען פארענטפערט זיך מיט פארשידענע תירוצים, און אזוי וויא אין אונזער דור - קען מען הנאה האבען פון אלע ערלייי עוה"ז [צום ביישפיל צו זיין אין א האטעל - בית מלון פסח, און עסען אלע ערליי זיסווארג א.ד.ג.] און זיך פארענטפערען אז ס'איז אלעס בהכשר הבד"ץ, אזוי אויך פארענטפערט ער זיך מיט דעם וואס ער איז א צר עין און קען נישט יענעם פארנעמען מיט פארשידענע טענות, און אפשר גאר אז ער האט ריכטיגע סיבות, אבער פונדעסטוועגען דארף יעדער איינער זעהן מוותר זיין פון זיך, און פארנעמען א צווייטען, זיין פאשטאנד זיין מחשבה און זיינע מעשים, מ'דארף ביי זעך איינקויפען די סארט מדה - פארנעמען דעם אנדערע.

און די וועג אנצוקומען צודעם און צו אלע גוטע מדות, איז דורכדעם וואס דער מענטש איז נכנע און איז א שפל, און ער ווייסט אז אויך אויב דער צווייטע האט טאקע א טעות געהאט אין א געוויסע ענין, אבער ער אליינט מאכט טעותים אין טויזענט אנדערע זאכען, און אפילו אויב דער מענטש מיינט אז ס'איז נישט געווי אזוי - איז נישט דא אינדעם קיין חסרון אז ער מאכט שקר בנפשו אויב ער וועט פונדעסטוועגען אזוי האלטען. און באמת אויף די סארט מחשבה אליין דארף ער זיך פארעכטען, און אזוי וויא ס'ווערט געברענגט אז ס'איז געווען א מענטש וואס איז געקומען צום רמב"ם מיט א טענה וויא אזוי קען ער איך זיך מתוודה זיין אין יום כיפור לויט די סדר פון דער ווידוי וואס שטייט אין סידור, ער ווייסט דאך אז ער האט נישט געזינדיגט אין געטוהן די סארט זאכען, און מ'טאר דאך נישט זאגען קיין שקר פאר'ן קעניג, האט איהם דער רמב"ם געענפערט ווען דו וואלסט געוואוסט וויא הארב איז עבודת ה', און וויפיהל מען דארף דינען דעם אייבערשטען, און די וואלסט איהם געדינט, וואלסטו געוויסט אז ס'איז נישט דא קיין איין טאג וואס דו טוהסט נישט אלעס וואס שטייט דארט אין די ווידוי, און נאך אסאך מער פונדעם, און ער ענדיגט דארט צו, אז אויך אויפדעם וואס דו זאגסט אז דו האסט נישט אויף וואס צו זאגען ווידוי, אויך אויפדעם ביסטו עתיד ליתן את הדין, אויפדעם וואס דו טראכסט אז דו האסט נישט קיין עבירות וואס דו דארפסט תשובה טוהן (עי' ספר המספיק לר"א בנו של הרמב"ם בפרק על הענוה, ועי' מדבר קדמות להרחיד"א מערכת וי"ו אות יא).

**מ'דארף** זיך מתעורר זיין אויף צופירען מיט מדות טובות, קוקען גוט אויף יענעם, און באהאנדלען דעם צווייטען מיט גוט'ס, און אפילו אויב דער צווייטע האט טאקע געטוהן א עוולה און זיך נישט אויף געפירט אזוי וויא ס'דארף צו זיין, איז ראוי ונכון מוותר צו זיין און פארנעמען יענעם. און דאס וועט זיין א כלי פאר אלע ברכות.